**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/15/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט גרויסע אנהויב שריטן אין דער פארט אויטאריטעט׳ס דזשעי-עף-קעי טראנספארמאציע פראיעקט**

***גאווערנער האקול און פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן איינאיינעם מיט דעלטע סי-אי-או עד בעסטיען און JFKIAT סי-אי-או ראעל הואינינק אנצוהייבן קאנסטרוקציע פאר 1.5 ביליאן דאלערדיגע פארברייטערונג פון דזשעי-עף-קעי׳ס טערמינאל 4***

***גרונטשטיין לייגן פאר טערמינאל פארברייטערונג וואס וועט פאראייניגן דעלטע אפעראציעס, לייגט צו 10 נייע געיטס צו טי-4 און פארברייטערן טשעק-אין און אנקום זאלן***

***הויפט שטאנדטייל פון אלגעמיינע פארט אויטאריטעט דזשעי-עף-קעי טראנספארמאציע — דעלטע איז צווייטע פראיעקט אנגעהויבן***

***פארברייטערונג און מאדערניזירונג פון עקזיסטירנדע טערמינאל אריינצורעכענען נייע ריטעיל געשעפטן און קאנצעסיע אפציעס, מאדערנע טעכנאלאגיע, פארבעסערטע טיקעטינג און געיט ערטער, און נייע סעלף-סערוויס באגאזש טשעק***

***קומענדע יאר וועט זיין פארנומענסטע פאר דער פארט אויטאריטעט׳ס דזשעי-עף-קעי טראנספארמאציע***

***געמאלטע בילדער צו באקומען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט א הויפט גרייכפונקט אין דער פארט אויטאריטעט׳ס טראנספארמאציע פון דזשאן עף. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד מיט׳ן אנהויב פון געבוי אויף 1.5 ביליאן דאלערדיגע פריוואט-פינאנצירטע פארברייטערונג און מאדערניזירונג פון טערמינאל 4. פריער דעם יאר האבן דער פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי דערגרייכט א פארענדערטע אפמאך מיט דעלטע לופט ליניעס און דזשעי-עף-קעי אינטערנאציאנאלע לופט טערמינאל (JFKIAT), די אפערירער פון טערמינאל 4, צו פארברייטערן דער איינריכטונג און צו פאראייניגן דעלטע אפעראציעס דארט.

״די היינטיגע אנהויב איז א ריזיגע טייל אין דער געשיכטע פון ניו יארק׳ס אומקער פון די שוועריגקייטן וואס מיר זענען אדורכגעגאנגען דורכאויס דער פאנדעמיע,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די עקאנאמישע ווירקונג פון דער טראנספארמאציע וועט געשפירט ווערן פאר צענדליגע יארן, און אין דער זעלבער צייט פארשטערקערן אונזער סטעיט׳ס גלאבאלע פירנדע ראלע אין אויפנעמען באזוכער פון אויסלאנד און די וועלכע קערן זיך צוריק אהיים. איך קוק ארויס צו אלץ וואס דער צוזאמענארבעט מיט פארט אויטאריטעט און דעלטע וועט ברענגען פאר ניו יארק.״

א איבערגעמאכטע סטרוקטור אפמאך פאר טערמינאל 4 איז ערפאלגרייך פארהאנדלט געווארן פריער דעם יאר און באוויליגט דורך דער פארט אויטאריטעט באָורד פון קאמיסיאנערן ביי דעם אפריל באָורד זיצונג. דער פלאן, צום ערשט אויטאריזירט דורך דער פארט אויטאריטעט באָורד אין פעברואר 2020 בעפאר דער פאנדעמיע, איז פארענדערט געווארן צוליב די שווערע באטרעפונג פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע אויף לופט רייזן. פריער דעם יאר האט דער באָורד אפגעמאכט איינצוטרעטן אין א פארענדערטע ליעס אמענדמענט מיט JFKIAT און דעלטע פאר דער פארברייטערונג און רענאוואציע פון דעם טערמינאל 4 אנקום און ארויספאר זאלן, א הויפט קאָנקורס פארברייטערונג צוצולייגן 10 נייע געיטס, די רענאוואציע פון עקזיסטירנדע קאָנקורסן, און שאסיי אפגרעידס צו פארבעסערן צוטריט פאר אויטאס. די פארברייטערונג ביי טערמינאל 4 איז ערווארטעט צו ווערן פארענדיגט מיט דעלטע פאראייניגן איר אפעראציעס אום 2023. די פארברייטערונג פון אפגרעיד פון טערמינאל 4 איז ערווארטעט צו רעזולטירן אין איבער 1,500 סך הכל דזשאבס, אריינגערעכנט איבער 1,000 יוניאָן קאנסטרוקציע דזשאבס.

**פארט אויטאריטעט פארזיצער קעווין או׳טול האט געזאגט,** ״היינט פייערן מיר די פארברייטערונג און רענאוואציע פון טערמינאל 4 ביי דזשאן עף. קענעדי אינטערנאציאנאלע עירפארט, וועלכס וועט, ביים פארענדיגן, באדייטנד פארבעסערן די קאסטומער דורכלעבעניש מיט ברייטע רענאוואציעס און נאך געיטס, ווי אויך צו באזארגן טויזנטער דזשאבס צו ארטיגע איינוואוינער. מיט מיליאנען מענטשן וואס פארן דורך דעם לופטפעלד יערליך, איז קריטיש-וויכטיג אז מיר בלייבן א פירער אלס די גרעסטע אינטערנאציאנאל אריינגאנגס פונקט צו דעם לאנד.״

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן האט געזאגט,** ״דער אנהויב איז א טראנספארמירנדע מאמענט פאר דער פארט אויטאריטעט און איר צוזאמענארבעטער אזוי ווי דער דזשעי-עף-קעי טראנספארמאציע זעצט פאר וויטער. מיר קוקן ארויס צו זען די פארברייטערונג ביי טערמינאל 4 וואו דעלטע און JFKIAT ארבעטן אינאיינעם צו באזארגן ערשטראנקיגע קאסטומער סערוויס. עס פריידט אונז צו זען דער פראיעקט ווערט געפירט אויף פאראויס אלס א הויפט טייל פון אונזער פלאן צו טראנספארמירן דזשעי-עף-קעי אויף דעם ערשטראנקיגן עירפארט וואס קומט זיך פאר דעם ראיאן.״

**פארט אויטאריטעט וויצע פארזיצער דזשעפרי לינפארד האט געזאגט,** ״אויף איבער 70 יאר, איז דזשאן עף. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד געווען אן אריינגאנגס פונקט פאר דאמעסטיק און אינטערנאציאנאלע רייזעס, און א הויפט טרייבער פון אונזער ראיאנישע עקאנאמיע. דער אנהויב פון ארבעט ביי טערמינאל 4 איז א הויפט שטאנדטייל פון אונזער טראנספארמאציע פון דזשעי-עף-קעי אזוי ווי מיר פארבעסערן די פאסאזשיר דורכלעבעניש און בויען אן ערשטראנקיגע עירפארט. דער פאקט אז דער פראיעקט וועט שאפן פילע טויזנטער גוט באצאלטע יוניאָן קאנסטרוקציע דזשאבס און אין דער זעלבער צייט אנבאטן ביליאנען דאלארן אין קאנטראקט געלעגנהייטן צו ארטיגע ביזנעסער מאכט עס אלץ מער דערהייטערנד. אזוי ווי מיר קומען ארויס פון דער פאנדעמיע, וועלן מעגא-אינפראסטרוקטור פראיעקטן ווי דער איבערגעבויפון דזשעי-עף-קעי זיין קריטיש-וויכטיג צוריקצושטעלן דער עקאנאמיע אויף די רעלסן, און דער פארט אויטאריטעט קוקט ארויס צו ביישטייערן צו דער ערהוילונג דורך פארזעצן צו אינוועסטירן אין אונזערע איינריכטונגען לענגאויס דעם ראיאן.״

**דעלטע סי-אי-או עד באסטיען האט געזאגט,** ״מיר קוקן ארויס צו ליפערן אן ערשטראנקיגע לופטפעלד וואס וועט איבערשטייגן ערווארטונגען פילע יארן אין דער צוקונפט. אונזער באדייטנדע, אנגייענדע אינוועסטירונגען זעצן פאר וויטער אנצובאטן אונזערע קאסטומערס און באשעפטיגטע די פרעמיום רייזע דורכלעבעניש וואס קומט זיך פאר זיי ביי דזשעי-עף-קעי. א דאנק פאר אונזערע צוזאמענארבעטער ביי דער פארט אויטאריטעט און JFKIAT פאר אונז העלפן מאכן דעם בליק א ווירקליכקייט.״

**פרעזידענט און סי-אי-או פון JFKIAT ראעל הואינינק האט געזאגט,** ״די היינטיגע אנהויב פון ארבעט צייכנט אפ א וויכטיגע גרייכפונקט אין דער עוואלוציע פון טערמינאל 4 אלס איינע פון דער וועלט׳ס מערסט מאדערנע און עפעקטיווע לופט טערמינאלן. אלס א קווינס באזירטע ביזנעס, זעט JFKIAT דער פארברייטערונג אלס א געלעגנהייט צו אויפלעבן אונזער ארטיגע עקאנאמיע אויף די שפירן פון דער פאנדעמיע, און מיר זענען אנטשלאסן צו ארבעטן מיט אונזערע צוזאמענארבעטער צו פארזיכערן אז דער ערשטראנקיגע איניציאטיוו וועט בענעפיטן אונזער קאמיוניטי. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט דער פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי און דעלטע אין אונזער מיסיע צו באזארגן אן ערשטראנקיגע קאסטומער ערפארונג צו אויפריכטן די פובליק׳ס קאנפידענץ אין לופט רייזן.״

**קאנגרעסמאן גרעגארי וו. מיקס האט געזאגט,** ״איך גראטוליר דער פארט אויטאריטעט, דעלטע עירליינס, און דזשעי-עף-קעי אינטערנאציאנאלע לופט טערמינאל פאר די גרונטשטיין לייגן פון דזשעי-עף-קעי׳ס טערמינאל 4. דאס איז אן גורל׳דיגע פאזע פאר דער טראנספארמאציע פון דזשעי-עף-קעי עירפארט. דורכאויס דער ווידער-אנטוויקלונג פון דער עירפארט, האט ריק קאטאן, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דער פארט אויטאריטעט, אנגעהאלטן קאמוניקאציע מיט דער ארטיגער קאמיוניטי און געשאפן דזשאבס און געלעגנהייטן וואס וועלן בענעפיטן MWBE אן ארטיג-באזירטע ביזנעסער. איך האב געזען ערשטהאנטיג די אנטשלאסנקייט פון דער פארט אויטאריטעט אלס מיט-פארזיצער פון דער דזשעי-עף-קעי ווידער-אינטוויקלונג קאמיוניטי ראט קאונסיל און קוקן ארויס צו איר אנגייענדע פארשריטן.״

**קווינס באַרא פרעזידענט דאנאוואן ריטשערדס דזר. האט געזאגט,** ״דאס איבערמאכן דעם טערמינאל 4 איז מער ווי נאר נייע ארויספאר און אנקום זאלן אדער קאָנקורס פארברייטערונג. דער פראיעקט פארטרעט א מאסיווער אינוועסטירונג אין די עקאנאמישע געזונטהייט פון קווינס דורך דער שאפונג פון טויזנטער גוט באצאלטע דזשאבס, קאנטראקטירן געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער, א שטארקע אנטשלאסנקייט צו MWBE אנטיילנעמונג און נאך. צוזאמגעפּאָרט מיט די 9.5 ביליאן דאלערדיגע טערמינאל איינס פראיעקט און דער 3.9 ביליאן דאלערדיגע נייע טערמינאל 6, וועט דער ראדיקאלע טראנספארמאציע פון דזשעי-עף-קעי עירפארט וועט עקאנאמיש אונטערהויבן קווינס פאמיליעס פאר פילע קומענדיגע דורות, און אין דער זעלבער צייט געבן פאר מיליאנען איבער דער גארער וועלט אן אומגלויבליכע ערשטע איינדרוק פון קווינס, ניו יארק סיטי און ניו יארק סטעיט אין אלגעמיין.״

**סענאטאר דזשאסעף פי. אדאבא, דזר., האט געזאגט,** ״וען אימער מיר קענען אנהויבן ארבעט אויף אזא סארט גרויסע פראיעקט, געווינט יעדער. דורך וואוינען נעבן דעם עירפארט מיין גאנץ לעבן ווייס איך אז נישט נאר וועט דער מאסיווער פארברייטערונג און מאדערניזירונג פון דזשעי-עף-קעי׳ס טערמינאל 4 זיין א טובה פאר׳ן עירפארט און די מיליאנען באזוכער יעדעס יאר, נאר עס איז אויך ערווארטעט צו שאפן איבער 2,000 סך הכל דזשאבס, אריינגערעכנט איבער 1,000 יוּניאָן קאנסטרוקציע דזשאבס, וועלכס וועט זיין א טובה פאר דער ארטיגער קאמיוניטי. איך קוק ארויס צו זען דעם פראיעקט קומען צו דער ווירקליכקייט!״

**סענאטאר לעראוי קאמרי האט געזאגט,** ״אזוי ווי דער דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג פראיעקט זעצט פאר ווייטער צו גרייכן נייע גרייכפונקטן, וועלן ניו יארקער און רייזנדער איבער דער גארער וועלט אולטימליך זיין די געניסער פון דער עירפארט פארברייטערונג און מאדערניזירונג צו שאפן אן ערשטראנקיגע טראנספארטאציע צענטער. די איבער ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג, אינאיינעם מיט די צוזאמענגעארבעטע שותפות מיט דער פארט אויטאריטעט און דזשעי-עף-קעי ווידער-אינטוויקלונג קאמיוניטי ראט קאונסיל, וועט ברענגען די רעזולטאטן וואס קומט זיך פאר אונזער שטאט, סטעיט און דער גרויסער באַרא פון קווינס. איך קוק ארויס אויף פארצוזעצן די ארבעט וואס מיר האבן געטון די פארלאפענע עטליכע יאר און, פארשטייט זיך, צו העלפן ברענגען זיכערע און באקוועמע לופט

רייזן, האנדל און ביזנעס צוריק צו אונזער סטעיט מיט א ריכטיג טראנספארמירטע דזשעי-עף-קעי. איך וויל אויסלויבן גאווערנער האקול, פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן, דעלטע סי-אי-או עד באסטיען און JFKIAT סי-אי-או ראעל הואינינק און אלע אונזערע קאמיוניטי צוזאמענארבעטער פאר זייער פירערשאפט אין מאכן דעם פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפט בליק אווירקליכקייט.״

**אסעמבלי-מיטגליד אליסיע הינדמאן האט געזאגט,** ״היינט צייכנט אפ א וויכטיגע פארשריט פאר דזשעי-עף-קעי טערמינאל 4. אזוי ווי דער 1.5 ביליאן דאלערדיגע פארברייטערונג איז אונטערוועגנס אין בלויז א פאר קורצע חדשים, וועט דער פארברייטערונג נישט נאר פאר פארברייטערן טשעק-אין און אנקום ערטער נאר עס וועט אויך שאפן גיכערע און בעסערע טשעק-אין צייטן מיט נייע פארגעשריטענע טעכנאלאגיע, סעלף-סערוויס קיאסקן און נייע זעלבסט באגאזש טשעק-אין ערטער. מיט דער פארברייטערונג קומט 2,000 נייע דזשאבס און ווי אויך 1000 יוניאָן קאנסטרוקציע דזשאבס וועלכע וועלן פארזיכערן מיין אסעמבלי דיסטריקט 29 און סאוט-איסט קווינס קאמיוניטי וועלן בליען. לאמיר זיך נעמען צו די ארבעט!״

**אסעמבלי-מיטגליד סטעיסי פעפער אמאטא האט געזאגט,** ״גאווערנער קעטי האקול און דער פארט אויטאריטעט האבן ווידעראמאל איבערצייגט ווי ערנסט זיי זענען אנטשלאסן אין אינוועסטירונג אין סאָוט קווינס און דער דזשעי-עף-קעי עירפארט, אזוי ווי מיר מאכן עס איבער אלס אן ערשטראנקיגע עירפארט ווי עס פאסט זיך פאר די מענטשן פון דעם גרויסן בארא. אזוי ווי מיר ציען זיך ווייטער אויפ׳ן וועג צו עקאנאמישע ערהוילונג פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, זענען די דזשאבס און געלעגנהייטן וואס דער עירפארט וועט באזארגן פאר די מענטשן פון קווינס גאר שטארק נויטיג. איך וויל דאנקען דעם גאווערנער, דער פארט אויטאריטעט, און דעלטע עירליינס פאר דער פארשפרעכונג, און איך קען קויםווארטן פאר דעם פראיעקט זיך צו לאזן אין גאנג!״

**אסעמבלי-מיטגליד קאליל אנדערסאן האט געזאגט,** ״מיט דער היינטיגער אנאנסמענט פון א 1.5 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו פארברייטערן און מאדערניזירן טערמינאל 4 ביי דזשעי-עף-קעי עירפארט, זענען מיר ווייטער א דרייסטע אנטשלאסנקייט צו ערשטראנקיגע אנטוויקלונג אין סאוט-איסט קווינס. מיין פריאריטעט אלס דער סטעיט פארטרעטער איז צו איבערשפאנען עקאנאמישע געלעגנהייטן מיט שטארקע פאטענציעל מיט די ארטיגע פארלאנג פאר יוניאָן דזשאבס, קאריערעס, און צוטריט צו MWBE קאנטראקטן וואס וועלן אראפטרייבן ארבעטסלאזיגקייט ראטעס און העלפן פארזיכערן א סאציעל-אויסגעגליכענע ערהוילונג פאר די קאמיוניטיס די שווערסטע באטראפן דורך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער קעטי האקול, מיינע קאלעגעס אין ערוויילטע רעגירונג, דער פארט אויטאריטעט, פריוואטע אנטוויקלער, און דער דזשעי-עף-קעי ווידער-אינטוויקלונג קאמיוניטי ראט קאונסיל.״

**קאונסיל מיטגליד עדריענע אדאמס האט געזאגט,** ״דער נייער ׳טערמינאל איינס׳ ביי דזשעי-עף-קעי עירפארט וועט פארבעסערן דער רייזע ערפארונג פאר ניו יארקער און באזוכער צוגלייך, סטימולירן אונזער ארטיגער עקאנאמיע, און באזארגן וויכטיגע געלעגנהייטן פאר קלענערע ביזנעסער, איינוואוינער, און סטודענטן. איך קוק ארויס צו זען די ווירקונג און בענעפיטן פון דער טראנספארמירנדע פראיעקט אזוי ווי ניו יארק סיטי ערהוילט זיך פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע.״

**קאונסיל מיטגליד-עלעקט נאנטאשא וויליאמס האט געזאגט,** ״אלס אן איינקומענדע קאונסיל-מיטגליד, איינוואוינער פון דער סאוט-איסט קווינס קאמיוניטי, און איינע פון די שאפער פון דער קאמיוניטי אנטוויקלונג באמיאונגען פאר דער דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג בין איך שטארק דערפרייידט אז דער 4T פראיעקט איז אונטערוועגנס. ווען מיר זענען באטראפן געווארן דורך קאָוויד-19 האבן מיר געדארפט זיך אוועקדרייען אבער קיינמאל נישט אפגעשטעלט אונזערע באמיאונגען אין פארזיכערן די אונטערנעמונגען פון דעם פראגראם זענען אין פארזיכטיגע קאארדינירונג מיט דער סאוט-איסט קווינס

קאמיוניטי. איך קוק ארויס אויף צו דערוויטערן די צילן פון דעם פראגראם אין מיין נייע קאפאציטעט אין סערוויס צו דער קאמיוניטי.״

**פרעזידענט פון דער געבוי און קאנסטרוקציע האנדלס קאונסיל פון גרעיטער ניו יארק גערי לאבארבערא האט געזאגט,** ״דער ווידער-אנטוויקלונג פלאן פאר דזשעי-עף-קעי עירפארט׳ס טערמינאל 4 איז א קריטיש-וויכטיגע שטאנדטייל פון בויען צו ניו יארק׳ס צוקונפט אויף א שטייגער וואס טראנספארמירט אונזער שטאט׳ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און שאפט צענדליגע טויזנטער מיטל-קלאס קאריערעס מיט בענעפיטן אין דעם פראצעס. פאר ניו יארק קומט זיך ערשטראנקיגע עירפארטס וואס זענען נישט נאר אנערקענט נאר אויך באוואונדערט איבער דער גארער וועלט. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר עפעקטיווער פירערשאפט אין פירן דעם מערקווירדיגן אינפראסטרוקטור פראיעקט פאראויס.״

**פרעזידענט און סי-אי-או פון דער ׳פארטנארשיפ פאר ניו יארק סיטי׳ קאטרין ווילדע האט געזאגט,** ״דער נייער דעלטע טערמינאל איז א קרעדיט צו גאווערנער האקול׳ס אנטשלאסנקייט צו מאדערניזירן אונזערע עירפארטס, אויסניצנדיג פריוואטע סעקטאר אינוועסטירונג צו מאכן ניו יארק דער פרעמיערע דעסטינאציע פאר טוריסטן. די נייער טעכנאלאגיש פארגעשריטענע באקוועמליכקייטן און פארברייטערטע קאפאציטעט איז קריטיש-וויכטיג אזוי ווי טוריסטן קערן זיך צוריק, און וועט גאר שטארק בענעפיטן דער ארטיגער קאמיוניטי, ברענגנדיג טויזנטער דזשאבס צו קווינס.״

**פרעזידענט און CEO פון קווינס טשעימבער אָוו קאָמערס טאמאס דזש. גרעק האט געזאגט,** ״אלס די עלטסטע און גרעסטע ביזנעס אסאסיעשען אין קווינס, שטאלצירן מיר זיך צו שטיין דא מיט גאווערנער האקול, און אונזערע פריינט ביי דער פארט אויטאריטעט, דעלטע לופט ליניעס און JFKIAT, צו פייערן דער היסטארישער 1.5 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו פארברייטערן און מאדערניזירן טערמינאל 4. די אינוועסטירונג וועט פארבעסערן א הויפט טייל פון אונזער ראיאן׳ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור, שאפן דזשאבס, און באזארגן געלעגנהייטן פאר קלענערע ביזנעסער אין קווינס, איבערהויפט MWBE ביזנעסער. קלענערע ביזנעסער אין קווינס פארלאזן זיך אויף אונזער אוויאציע אינפראסטרוקטור, און די טראנספארמאציע פון דזשעי-עף-קעי וועט זיין העכסט-נויטיג צו אונזער ראיאן׳ס עקאנאמישע ערהוילונג.״

**פרעזידענט און CEO פון ראַקעוועי אנטוויקלונג און אויפלעבונג קערפערשאפט קעווין דאָבליו. אלעקסאנדער האט געזאגט,** ״די היינטיגע אנהויב פון דער 1.5 ביליאן דאלערדיגע פארט אויטאריטעט דזשעי-עף-קעי טערמינאל 4 פראיעקט איז נאך א גרייכפונקט נישט נאר פאר סאוט-איסט קווינס נאר אויך פאר גאנץ ניו יארק. די טראנספארמאציע פון דזשעי-עף-קעי אינטערנאציאנאלע עירפארט אלס אן ערשטראנקיגע עירפארט וואס שפיגלט אפ אונזער פארשידנמיניגקייט און גייסט פון אריינגעמיגקייט אין אלע הינזיכטן פון דער דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג פראיעקט איז אונזער געלעגנהייט צו ווייזן פאר דער וועלט וויאזוי עס קען זיין ווען מען האט פאראויס-קלערנדע פירער — גאווערנער קעטי האקול, PANY/NJ עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן, דזשעי-עף-קעי ראט קאמיטע מיט-פארזיצער קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס און קווינס בארא פרעזידענט דאנאוואן ריטשערדס, און די פירערשאפט פון דער טערמינאל 4 טיעם — דעלטע און JFKIAT ארבעטן האנט ביי האנט. אלס דער מיט-פארזיצער פון דער דזשעי-עף-קעי קאמיוניטי ראט קאמיטע קאונסיל ארבעטסקראפט און קאריערע אנטוויקלונג קאמיטע, קוקן מיר ארויס צו ארבעטן מיט דער טערמינאל 4 פראיעקט טיעם צו האלטן אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער אין פארבינדונג און צוגעגרייט נישט נאר פאר צייטווייליגע דזשאבס נאר אויך פאר לעבנס-ענדערנדע קאריערע, ענטרעפעניוריעל און ביזנעס געלעגנהייטן.״

**פרעזידענט און סי-אי-או פון דער ניו יארק געבוי קאנגרעס קאראל עי. סציסורא האט געזאגט,** ״די היסטארישע טראנספארמאציע פון דזשעי-עף-קעי עירפארט זעצט פאר ווייטער מיט דער אנהויב פון די

ארבעט אויף דעם פארברייטערונג. דער פארברייטערטע טערמינאל 4 וועט פארבעסערן די פאסאזשירער׳ס ערפארונג, שאפן גוטע דזשאבס, עפענען געלעגנהייטן פאר MWBE ביזנעסער און געבן ניו יארק סיטי דעם ערשטראנקיגן ארייננקום-טויער וואס עס קומט זיך. דער ניו יארק געבוי קאנגרעס אפלאדירט גאווערנער האקול, דער פארט אויטאריטעט, דעלטע און JFKIAT.״

**צווישנצייטיגע פרעזידענט און סי-אי-או פון דער גרעיטער דזשעמעיקע אנטוויקלונג קערפערשאפט דזשאסטין ראדזשערס האט געזאגט,** ״די וועלט קען דזשעי-עף-קעי עירפארט אלס דער אינטערנאציאנאלע ארייַנגאנג טויער צו ניו יארק, אבער עס איז אויך א קריטיש וויכטיגע שטאנדטייל צו דער סאוט-איסט קווינס עקאנאמיע. דער סטעיט׳ס פארגעזעצטע פארבעסערונגען צו דזשעי-עף-קעי טוען נישט נאר פארשענערן דער רויטער טעפעך צו דער שטאט, נאר זיי שאפן אויך דזשאב געלעגנהייטן און ביזנעס וואוקס פאר פילצאליגע איינוואוינער ארום דזשעמעיקע.״

**פארברייטערן טערמינאל 4 מיט קאסטומער געברויכן אין זינען**

דער 1.5 ביליאן דאלערדיגע טערמינאל 4 פראיעקט, וועלכס ווערט פינאנצירט דורך פריוואטע קאפיטאל, איז דער צווייטע אנהויב פון ארבעט אונטער דער דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג פלאן. די טערמינאל פארברייטערונג וועט שאפן 10 נייע געיטס, הויפטזעכליך סערווירנדיג ראיאנישע און דאמעסטיק פלי-רייזעס, און אין דער זעלבער צייט צולייגן 150,000 סקווער פיס צו פארברייטערן דעם טערמינאל.

די פארברייטערונג וועט ערמעגליכן פאר דעלטע אנצובאטן באהעפטנדע קאסטומערס א גלאטע רייזע ערפארונג דורך קאנסאלידירן אלע איר אפעראציעס אין טערמינאל 4, און ערמעגליכן דורכדעם פאר מער באקוועמע קאסטומער טראנספערס וואס דעלטע אפערירט איצט פון סיי טערמינאל 4 און סיי טערמינאל 2. דער פראיעקט וועט אריינרעכענען א נייע דעלטע סקיי קלוב אין טערמינאל 4׳ס קאָנקורס A, ווי אויך פארברייטערטע זיצונג ערטער און קאנצעסיעס, מאדערנע וועג-געפונען, און נייע אדער גע׳אפגרעיד׳עטע וואשצימערן געאייגנט פאר די געברויכן פון רייזנדע.

אין צוגאב, וועט דער טערמינאל דורכגיין א רענאוואציע פראגראם צו פארבעסערן דער קאסטומער ערפארונג מיט נייע טשעק-אין קאָונטערס וועלכע וועלן פארבעסערן קאפאציטעט און עפעקטיוויקייט מיט פארגעשריטענע טעכנאלאגיע, אינסטאלאציע פון נייע סעלף-סערוויס קיאסקן און זעלבסט באגאזש טשעק-אין לאקאציעס, רענאוואציעס צו וואשצימערן, באגאזש אפנעמונג און אנקום זאלן, ווי אויך נייע ריטעיל געשעפטן און פובליק קונסטווערק.

דעלטע זעצט פאר ווייטער צו וואקסן ביי דזשעי-עף-קעי און אין ניו יארק סיטי אין אלגעמיין, וואו עס טוט אנבאטן די מערסטע פלי-רייזעס און זיצונגען פון סיי וועלכע פליגער ליניעס ביי דזשעי-עף-קעי און לאגווארדיע מיט 400 סך הכל טעגליכע ארויספארנדע פליגער צו 95 דאמעסטיק און אינטערנאציאנאלע דעסטינאציעס. דער עירליין אפערירט איבער 160 דורכשניטליכע טעגליכע פלי-רייזעס צו 68 דעסטינאציעס איבער דער וועלט פון דזשעי-עף-קעי אליין. זינט 2010, האט דעלטע אינוועסטירט איבער 3.5 ביליאן דאלער אין עירפארט פארברייטערונג און ווידער-אנטוויקלונג אין ניו יארק, אריינגערעכנט פריערדיגע פראיעקטן ביי דזשעי-עף-קעי און לאגווארדיגע עירפארט. דער עירליין נעמט אויך אונטער א 3.9 ביליאן דאלערדיגע פראיעקט צו קאנסאלידירן טערמינאלן C און D ביי LGA, מיט טעכנאלאגיש פארגעשריטענע אנקום און ארויספאר זאלן ערווארטעט זיך צו עפענען קומענדן פרילינג.

JFKIAT, א יו-עס אפיליאט פון ׳ראיעל שיפהאל גרופע׳, האט אפערירט דעם טערמינאל 4 ביי דזשאן עף. קענעדי אינטערנאציאנאלע עירפארט זינט 1997. די פארברייטערונג וועט ווייטער פארבעסערן דעם טערמינאל׳ס אנבאטונגען פאר איר באלד 30 עירליין אנטיילנעמער מיט טעכנאלאגיעס צו פארזיכערן

פארשנעלערטע און גלאטיגע פאסאזשיר פראצעסירן פעאיגקייטן, נאך עסנווארג אפציעס, און אנדערע באקוועמליכקייטן צו פארזיכערן פאסאזשיר באקוועמליכקייטן.

דער ווידער-אויסשטיליזירונג פון טערמינאל 4 — וועלכס איז געווארן דער ערשטער לופט טערמינאל צו דערגרייכן LEED גאלד O+M סערטיפיקעישען אין 2017 — וועט פארזעצן א פארשפרעכונג דורך דער פארט אויטאריטעט און JFKIAT צו ענערגיע-שפארעדיגקייט, אויסניצנדיג ענערגיע-שפּאָרעוודיגע אויסריכטונגען און באלייכטונגען לענגאויס דעם טערמינאל.

אין האלטן מיט דער פארט אויטאריטעט׳ס נעטא זעראָ עמיסיע צילן און סטאנדארטן פאר זיך איבערטוישן צו בלויז עלעקטרישע אויטאס איבער איר אלע איינריכטונגען, טוט דער פראיעקט אריינרעכענען טשארדזשינג סטאנציעס פאר עלעקטרישע גראָונד סערוויס אויסריכטונגען ביי די נייע געיטס, אינאיינעם מיט א דעיסינג אויפריכטונג סיסטעם צו כאפן אויסגעניצטע דעיסינג פליסיגקייט.

די אנהויב פלענער צו ווידער-אנטוויקלען דזשעי-עף-קעי עירפארט זענען אפגעהאלטן געווארן צוליב די עפעקטן פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, וואס האט באדייט אז דער ארגינעלע אפמאך פאר דער פראיעקט וואס האט זיך געגוטיגט אין איבערמאכן דעם סטרוקטור. איצט וועט דער פארברייטערונג און רענאוואציע פון טערמינאל 4 זיין פולקאם פינאנצירט דורך דעלטע לופט ליניעס און JFKIAT.

דער אנהויב פון ארבעט פאר דעם פארברייטערטן טערמינאל 4 בויט אויף די מאמענטום פון די אנדערע דריי הויפט שטאנדטיילן פון דזשעי-עף-קעי׳ס טראנספארמאציע. אין סך הכל וועלן אלע פיר הויפט פראיעקטן צו טראנספארמירן דזשעי-עף-קעי עירפארט אריינגעמען אומגעפער 15 ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג.

דער קומענדער יאר וועט ווייזן באדייטנדע אקטיוויטעט און גרייכפונקטן אלס טייל פון דער דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג פראגראם. קאנסטרוקציע אויף סיי דער נייער טערמינאל 6 און סיי טערמינאל איינס וועט זיך אנהויבן אין 2022 און קאנסטרוקציע אויף דר ווידער-אנטוויקלטער טערמינאל 8 וועט פארענדיגט ווערן אין 2023.

**איבערבויען דזשי. עף. קעי. עירפארט שטימט מיט די אינטערעסן פון דער ארטיגער קאמיוניטי**

אין 2018, איז געשאפן געווארן דער דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג קאמיוניטי ראט קאונסיל. אירע קא-פארזיצער זענען יו-עס קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס און קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערד און איז צוזאמגעשטעלט פון ערוועלטע באאמטע, קאמיוניטי באורדס, ביזנעס און נאנפראפיט ארגאניזאציעס, בירגערליכע ארגאניזאציעס, און קלעריקער פון די געצילטע ארטיגע קאמיוניטיס פון סאוט-איסט קווינס, סאוט-וועסט קווינס, די ראקעוועיס, און מערב טיילן פון נעסאוי קאונטי. זינט איר אויפקום, ארבעט דער קאונסיל מיט דער פארט אויטאריטעט אויף צו פארברייטערן קאמיוניטי ארויס-גרייך באמיאונגען און צו שאפן קאמיוניטי-פאקוסירטע פראגראמען, פארזיכערנדיג אז דער אמביציעזער פראיעקט ברענגט ארויס אנגייענדע מיינונגען פון ארטיגע אינטערעסן און גיבט באדייטפולע געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער, MWBE פירמעס, סטודענטן, און דזשאב זוכער.

דאס רעכנט אריין פראגראמען צו פאראויס-פירן דעם פארט אויטאריטעט׳ס אנטשלאסנקייט צו א 30-פראצענטיגע MWBE קאנטראקטירונג ציל אין אלע ארבעט קאטעגאריעס, און א ספעציעלער פאקוס אויף געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער לענגאויס אלע הינזיכטן פון דעם דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג פראגראם, אריינגערעכנט דעם טערמינאל פראיעקט, וועלכס וועט געבויט ווערן דורך יוניאן לעיבאר אונטער א פולן פראיעקט-לעיבאר אפמאך. אנדערע קאמיוניטי אנטוויקלונג איניציאטיוון פריאריזירט דורך דעם קאונסיל קאנצענטרירן זיך אויף דזשאב געלעגנהייטן און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען פאר ארטיגע איינוואוינער, קלענערע ביזנעס ארויס-גרייך באמיאונגען און דעוועלאפמענט, און עדיוקעשען פראגראמען פאר ארטיגע סטודענטן.

דער דזשעי-עף-קעי רידעוועלאפמענט קאמיוניטי אינפארמאציע צענטער האט זיך געעפנט אין דזשאמעיקע, קווינס, אנהייב 2019, וועלכס מאכט מער צוגענגליך פאר פירמעס וועלכע זוכן ביזנעס געלעגנהייטן, ארטיגע איינוואוינער וואס זוכן דזשאבס, אדער שכנים וואס זוכן מער אינפארמאציע וועגן דעם פראיעקט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן